בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת וָאֵרָא

תשפ"ה

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


דַארְף מֶען אַ הָאזֶעלֶע צוּ בַּארוּאִיגְן פוּן שְׁרֶעק?......................... א

פַארְוָואס דַארְף מַיין וַוייבּ אֲזוֹיפִיל גֶעלְט פַאר דִי קִיאַסְק?.................. ב

טוּן דֶעם שִׁידוּךְ, וֶוען זִי אִיז צוּפִיל אַרַיינְגֶעטוּן אִין רוּחָנִיּוּת? .................. ד

פַארְוָואס שֶׁעם אִיךְ זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען מַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער?.................. ה

אִיךְ הַאלְט מַמָּשׁ בַּיי גָארְנִישְׁט, וָואס טוּט מֶען? .......................... ז

פַארְוָואס קֶען אִיךְ נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן?.......................... י


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל נָאר מַחְלִישׁ דַּעַת זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ .......................... א

דַיין מַעֲשֵׂר גֶעבּ פַאר לוֹמְדֵי תּוֹרָה.......................... ב

מִיר אַלֶע דַארְפְן עֵצוֹת צוּ לֶעשְׁן דִי פֵייעֶר.......................... ב

ווִיכְטִיגֶע אָנְוַוייזוּנְגֶען ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ בִּיזְנֶעס.......................... ג

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, גֵיי וָואס מֶער הֲפָצָה.......................... ד

לָאזְט נִישְׁט אָפּ דִי ווִילְן אוּן בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן .......................... ה

פַארְוָואס קְרִיגְט מֶען אוֹיפְן צַדִּיק? .......................... ו

אִין שִׂמְחָה אִיז אַלֶעס אָנְגֶעהָאנְגֶען, אַלֶע יְשׁוּעוֹת, אַלֶע רְפוּאוֹת.......................... ז

לְכָבוֹד דִי גֶעבּוּרְטְסְטָאג, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָּה .......................... ח

אַלֶע צָרוֹת, דַּחְקוּת אוּן מְרִירוּת, קוּמְט פוּן עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה .......................... ט

אַז אַ יָתוֹם׳ל וויינְט, אִיז דָאס סַכָּנַת נְפָשׁוֹת ........ ט

לַאךְ זִיךְ אוֹיס פוּן דִי לֵיצָנוּת וָואס מֶען שְׁפֶּעט פוּן דִיר ........ י

דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם ........ יב

נָאכְן אַלֶעס טוּן, דַארְף מֶען יֶעצְט בֶּעטְן אַ מַתְּנַת חִנָּם ........ יג

וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן גֶעלְט? לֶערְן אוֹיס דַיין זוּן גוּטֶע מִידוֹת ........ יד

עֶרֶב שַׁבָּת דַארְף מֶען זִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס ........ טו

לַיידְן אוּן שְׁוַוייגְן, בִּפְרַט אִין שְׁטוּב ........ טז

וָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן? ........ יז

נִישְׁטָא בֶּעסֶערְס אוּן זִיסֶערְס פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה ........ יט

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְג ........ יט

אַ גֶעשְׁמַאקֶע זַאךְ צוּ זִיצְן אִין שְׁטוּב מִיט דִי וַוייבּ ........ כא

גֵיי הֲפָצָה ........ כב

בַּיי וֶועלְכֶע זַאכְן זָאל דִי מוֹסָד שְׁפָּארְן גֶעלְט? ........ כג

אַן אָפֶענֶע קְנֶעפְּל בַּיים הַאלְז אִיז צְנִיעוּת׳דִיג? ........ כד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## דַארְף מֶען אַ הָאזֶעלֶע צוּ בַּארוּאִיגְן פוּן שְׁרֶעק?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שְׁכּ'חַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט סֵפֶר תְּהִלִּים.

אִיךְ הָאבּ מוֹרָא פוּן אַזְעָקוֹת, דִי סִירֶענֶעס וָואס פַּייפְן דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פְלִיעֶן אַ בָּאמְבֶּע; זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ דָאקְטֶער, אוּן דֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל גֵיין צוּ אַ מַאמֶע וָואס הָאט אַ הָאזֶעלֶע.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז דָא אֵיין עֵצָה אוֹיף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן; חַזֶר׳ן אֱמוּנָה, חַזֶר׳ן ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער׳; וִוי מֶער מֶען חַזֶר׳ט אֱמוּנָה - אִיז מֶען מֶער רוּאִיג, אוּן דִי שְׁרֶעק גֵייט אַוֶועק.

אַ הָאזֶעלֶע (בָּאנִי רֶעבִּיט) וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס אִיז לַאכֶעדִיג אַז דִי דָאקְטוֹירִים וֵוייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ בַּארוּאִיגְן קִינְדֶער פוּן דִי פַּייפֶערַייעֶן וָואס פַּייפְט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פְלִיעֶן אַ בָּאמְבֶּע, זָאגְן זֵיי מֶען זָאל גֵיין צוּ אַ

הָאזֶעלֶע; שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, הוֹיבְּט אָן חַזֶר'ן אֱמוּנָה, הֶערְט נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, זִינְגְט אֱמוּנָה, זִינְגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָארְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיף אַ יֶעדֶע אָרְט"; דָאס וֶועט אַייךְ בַּארוּאִיגְן, דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן אַ שְׁטַארְקֶקֵייט נִישְׁט צוּ מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דִי וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס דַארְף מַיין וַוייבּ אַזוֹיפִיל גֶעלְט פַאר דִי קִיאַסְק?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ גוּט חֲתוּנָה גֶעהַאט, מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר פַּיין אוּן גֶעטְרֵיי בָּרוּךְ הַשֵּׁם, עֶס אִיז אָבֶּער דָא אֵיין זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיר אַבִּיסְל, אַז מַיין וַוייבּ בֶּעט מִיר גֶעלְט פַּאר דִי קִיאַסְק, אוּן וִויפִיל גֶעלְט אִיךְ גֶעבּ אִיר נָאר - אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶענוּג, וַוייל זִי זִיצְט דָארְט אָפּ בִּיז זִי זֶעט אַז זִי הָאט נָאר צְוֵויי מִינוּט גֶעבְּלִיבְּן, יֶעצְט דַארְף זִי נָאךְ גֶעלְט, וַוייל זִי דַארְף נָאר עֶנְדִיגְן דִי אָרְדֶער, אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס כְּסֵדֶר יֶעדֶעס מָאל זִי וִויל עֶפֶּעס קוֹיפְן, אוּן אִיךְ טְרַאכְט 'וִוי לַאנְג נֶעמְט שׁוֹין צוּ אַיינְקוֹיפְן עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיקֵייט?'

אִיךְ וִויל בֶּעטְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר הֶעלְפְן מִיט אַ קְלָארֶע וֶועג אִין לֶעבְּן.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ד טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ פַאר דַיין וַוייבּ גֶעלְט זִי זָאל הָאבְּן אוֹיף אַיינְצוּקוֹיפְן פַאר זִיךְ וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (שַׁעַר הַמִּצְווֹת, פַּרְשַׁת עֵקֶב): "רָאִיתִי לְמוֹרִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁלֹּא הָיָה חוֹשֵׁשׁ בְּעַצְמוֹ לְהִתְכַּבֵּד

בְּמַלְבּוּשִׁים נָאִים יוֹתֵר מִדַּי", אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ קוֹיפְן בְּגָדִים פַאר זִיךְ - הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקוֹיפְט קֵיין טַייעֶרֶע קְלֵיידֶער, "גַּם בְּמַאֲכָלוֹ הָיָה אוֹכֵל דָּבָר מוּעָט מְאֹד", אוֹיךְ בַּיי עֶסְן, וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶערֶעדְט פַאר זִיךְ, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעגֶעסְן קַיין סַאךְ, עֶר פְלֶעגְט עֶסְן זֵייעֶר וֵויינִיג, "אֲבָל בְּמַלְבּוּשֵׁי אִשְׁתּוֹ הָיָה זָהִיר מְאֹד לְכַבְּדָהּ וּלְהַלְבִּישָׁהּ", אָבֶער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין וַוייבּ הָאט עֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְן אִיר צוּ מְכַבֵּד זַיין מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, "וְהָיָה מַפִּיק כָּל רְצוֹנָהּ אַף אִם לֹא הָיְתָה יָדוֹ מַשֶּׂגֶת כָּל כָּךְ", עֶר הָאט אִיר צוּפְרִידְן גֶעשְׁטֶעלְט דָאס מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט דָאס צוּ קֶענֶען טוּן.

בְּנוֹגֵעַ זִיצְן אִין קִיאַסְק; דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נִישְׁט דִי גֶעלְט, אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעלְט אִיז נִישְׁט כְּדַאי מֶען זָאל זִיצְן שָׁעוֹת אוֹיפְן קָאמְפְּיוּטֶער. מוֹהֲרָא"שׁ אִין דִי בְּרִיוו רוּפְט אָן דֶעם קָאמְפְּיוּטֶער מַחַשֵׁף, כִּישּׁוּף מַאכֶער; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין סז:), וָואס אִיז דִי נָאמֶען כִּישּׁוּף? "שֶׁמַּכְחִישִׁין פַּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה", זֵיי מַאכְן שְׁוַואךְ דִי כֹּחוֹת פוּן דִי קְדוּשָּׁה, אוּן דָאס אִיז דִי קָאמְפְּיוּטֶער, אוּן אֲפִילוּ אִין קִיאַסְק, אַז מֶען דַארְף עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן פַארְן לֶעבְן - טוּט מֶען דָאס אֵיינְס צְוֵויי, אָבֶער דָאס זִיצְן שָׁעוֹת - אִיז אַ בְּחִינָה פוּן כִּישּׁוּף.

שְׁמוּעֶס מִיט דַיין וַוייבּ, וַוייז אִיר דֶעם בְּרִיוו, זַיי אִיר מְחַזֵּק אַז זִיצְן אִין קִיאַסְק אִיז בִּיטוּל הַזְּמַן, מֶען פַארְבְּרֶענְט טַייעֶרֶע צַייט; אִין דִי צַייט קֶען מֶען אוֹיפְטוּן, מֶען קֶען טוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, מַאכְן עֶסְן, מַאכְן דִי וֶועשׁ, אוּן אַז מֶען הָאט אִיבְּרִיגֶע צַייט קֶען מֶען דַאוְוענֶען אוּן זָאגְן תְּהִלִּים, אוּן נִישְׁט עוֹסֵק זַיין אִין כִּישּׁוּף.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## טוּן דֶעם שִׁידוּךְ, וֶוען זִי אִיז צוּפִיל אַרַיינְגֶעטוּן אִין רוּחָנִיּוּת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָואלְט שׁוֹאֵל עֵצָה זַיין אִיבֶּער אַ שִׁידוּךְ. אִיךְ בִּין אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ בִּין דְרַייסִיג יָאר אַלְט, אַ גְרוּשׁ אָן קִינְדֶער. מֶען טְרָאגְט מִיר אָן אַ שִׁידוּךְ אַ דְרֵיי אוּן דְרַייסִיג יֶערִיגֶע מֵיידְל, אַ בַּעֲלַת תְּשׁוּבָה. זִי הָאט גוּטֶע מִדּוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, זִי אִיז צְנִיעוּת'דִיג אוּן אִיז מְקוּשָׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז אָבֶּער אַז אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ זִי וֶועט קֶענֶען זַיין אַ גוּטֶע וַוייבּ אוּן מַאמֶע, וַוייל זִי אִיז נִישְׁט מְסוּדָר, זִי אִיז נִישְׁט מִיט דִי צְוֵויי פִּיס אוֹיף דֶער עֶרְד, זִי אִיז זֵייעֶר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין רוּחָנִיּוּת, לֶערְנְט אַסַאךְ דֶעם רֶבִּי'נְ'ס סְפָרִים, אוּן רוֹב צַייט גֵייט אִיר אַוֶועק פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז זִי וֶועט נִישְׁט קֶענֶען גֶעהֶערִיג זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט נָאךְ דִי חֲתוּנָּה.

מֶען זֶעט אוֹיף אִיר אַז זִי אִיז נִישְׁט מְסוּדָר אוּן מְיֻשָּׁב, זִי קֶען נִישְׁט רֶעדְן קוּרְץ אוּן שַׁארְף, צוּ דִי זַאךְ; יֶעדֶע זַאךְ וָואס זִי ווִיל זָאגְן - וֶוערְט אַ לַאנְגֶע גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, זִי רֶעדְט אוּן רֶעדְט בַּאֲרִיכוּת, אוּן זִי שְׁפְּרִינְגְט פוּן אֵיין זַאךְ צוּם אַנְדֶערְן.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ זִי וֶועט קֶענֶען אַוֶועקְשְׁטֶעלְן גְּבוּלִים פַאר דִי קִינְדֶער, אִין דִי צַייט וָואס עֶס אִיז אִיר שְׁוֶוער צוּ שְׁטֶעלְן גְּבוּלִים פַאר זִיךְ אַלֵיין.

לְמַעֲשֶׂה זֶעט אָבֶּער אוֹיס ווִי מִיר קוּמֶען זִיךְ אוֹיס, וָואס הַאלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַוַדַאי זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם שִׁידוּךְ; מִידּוֹת טוֹבוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם דָאס אִיז אוֹיף וָואס מֶען דַארְף קוּקְן, "אִשָּׁה יִרְאַת ה' הִיא תִתְהַלָּל"** (מִשְׁלֵי לא, ל)**, אַ פְרוֹי**

אַ בַּעֲלַת תְּשׁוּבָה וָואס הָאט אַ גֶעפִּיל אִין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז נִישְׁטָא עֶפֶּעס בֶּעסֶערְס; וָואלְסְטוּ גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ מֶען זָאל מַאכְן אַ שִׁידוּךְ מִיט אַ מֵיידְל וָואס זִיצְט אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת, דָאס אִיז אַ פְּרַאגֶע; וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ זִי וֶועט וֶועלְן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אוּן זֵיי מְגַדֵל זַיין מִיט תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, אָבֶּער אַז אַ מֵיידְל צִיט זִיךְ צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - אִיז דָאס נָאר אַ מַעֲלָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן וָואס שְׁנֶעלֶער אוּן לֶעבְּן מִיט אַהֲבָה אַחְוָה שָׁלוֹם וְרֵעוּת.

...

## פַארְוָואס שֶׁעם אִיךְ זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען מַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ ווִיל אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, סְפֶּעצִיעֶל דִי שִׁיעוּרִים פַאר מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס, עֶס גֶעבְּט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע חִיזוּק צוּ אָנְגֵיין וַוייטֶער.

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן חִיזוּק וֶועגְן מְכַבֵּד זַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער. אִיךְ קֶען נִישְׁט זָאגְן שְׁכֹּחַ פַאר מַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער, נִישְׁט אוֹיף דִי עֶסְן אוּן נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, אוֹיךְ יֶעצְט וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי זֵיי אַ חוֹדֶשׁ נָאכְן גֶעבּוֹירְן אַ קִינְד; אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעהָאלְפְן מִיטְן אַיינְקוֹיפְן זַאכְן אוּן מִיטְן אַרָאפְּטְרָאגְן דִי מִיסְט, אוּן דָאס גְלַייכְן, אָבֶּער רֶעדְן - קֶען אִיךְ נִישְׁט, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ זֵייעֶר. אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעטְרַאכְט 'יֶעצְט גֵיי אִיךְ זָאגְן שְׁכֹּחַ', אוּן 'שׁוֹין גֵיי אִיךְ צֶעבְּרֶעכְן דִי בּוּשָׁה', וֶוען עֶס אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען לְמַעֲשֶׂה - הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶפֶּענֶען מַיין מוֹיל. אַזוֹי אוֹיךְ פַארְן אַהֵיימְגֵיין הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט 'שׁוֹין, יֶעצְט גֵיי אִיךְ זָאגְן שְׁכֹּחַ פַאר אַלֶעס', אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט.

מַיין שְׁווִיגֶער רֶעדְט נִישְׁט מִיט דִי אֵיידֶעמֶער, אוּן נָאךְ מֶער, אוֹיבּ זִי אִיז אִין קָאךְ אַלֵיין אוּן אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין קָאךְ עֶפֶּעס נֶעמֶען קֶען זִי אַרוֹיסְגֵיין, אוּן אוֹיךְ מַיין שְׁוֶוער רֶעדְט כִּמְעַט

נִישְׁט, אוּן אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַ בַּיִישְׁן אִין נַאטוּר, אוּן אִיךְ הֵייבּ אוֹיךְ נִישְׁט אָן צוּ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט, אוּן דֶערִיבֶּער שֶׁעם אִיךְ זִיךְ צוּ זָאגְן שְׁכּ֑חַ וְכוּ'.

וֶוען אִיךְ קוּם אַרַיין בַּיי מַיין שְׁוֶוער אִין שְׁטוּבּ זָאג אִיךְ גוּט שַׁבָּת, אָבֶּער מֶער פוּן דֶעם קֶען אִיךְ נִישְׁט.

עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר, אוּן אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען זָאגְן שְׁכּ֑חַ נָאךְ אַ שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה וְכַדוֹמֶה. אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען אַבִּיסְל אַוֶועק שְׁטֶעלְן אוֹיפְן פְּלַאץ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, ט״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיט דַיין שְׁווִיגֶער דַארְפְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן, עֶס אִיז גֶענוּג וֶוען מֶען קוּמְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ צוּ בַּאגְרִיסְן אוּן וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס צוּ גְרִיסְן אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען, אַזוֹי אוֹיךְ מִיט דַיין שְׁוֶוער. דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע כִּיבּוּד, מֶען גְרִיסְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מֶען בַּאדַאנְקְט זִיךְ, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס מֶער.

בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען אַזַא מַעֲשֶׂה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רלב), עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס פְּלֶעגְט קוּמֶען אַסַאךְ צוּם רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט גֶעהַאט זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיטְן רֶבִּי׳ן, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל צוּ רֶעדְן מִיטְן רֶבִּי׳ן וָואס לִיגְט אִים אַלֶץ אוֹיפְן הַארְץ, בִּיז אֵיין מָאל אִיז אִים אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט ׳יֶעצְט וֶועל אִיךְ רֶעדְן, אִיךְ וֶועל אַלֶעס דֶערְצֵיילְן דֶעם רֶבִּי׳ן׳, אָבֶּער דִי מוֹיל הָאט זִיךְ אִים נִישְׁט גֶעעֶפְנְט. דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים פוּן זִיךְ וַואשְׁן לְכָבוֹד שַׁבָּת, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן דִי שִׁיךְ אָנְצוּטוּן, פְּלוּצְלוּנְג רוּפְט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָן (פוּן זִיךְ אַלֵיין): ״גֶעווּאוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ קֶענֶען רֶעדְן מִיט מִיר״.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין הִתְבּוֹדְדוּת, אִין רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי עֵצָה אִיז אַן עֵצָה פַאר אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען; וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, יֶעדֶע שְׁוֶועֶרע זַאךְ - רֶעדְט מֶען אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן, אַזוֹי וִוי אַן אָרֶעמַאן בֶּעט זִיךְ מֶען זָאל אִים הֶעלְפְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ הַאלְט מַמָּשׁ בַּיי גָארְנִישְׁט, וָואס טוּט מֶען?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל וִויסְן וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ בִּין אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ, אִיךְ פַאל אִין נִיאוּף, אִין קוּקְן שְׁמוּץ אוּן אוֹיךְ אוֹיף יֶעדֶע פְּרוֹי אִין גַאס, אוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן. קוֹים וָואס אִיךְ דַאוֶוען, קוֹים וָואס אִיךְ זָאג עֶפֶּעס מִשְׁנָיוֹת, צְוֵויי טֶעג הֵייב אִיךְ אָן זָאגְן - אוּן אַנְדֶערֶע טֶעג גָארְנִישְׁט, אִיךְ בְּרֶענְג נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, אִיךְ צָאל נִישְׁט קַיין חוֹבוֹת, אִיךְ פָאלְג נִישְׁט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעזָאגְט צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא אוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג; אֵיין טָאג טוּ אִיךְ עֶס יָא אוּן נָאכְדֶעם דְרַיי חֳדָשִׁים נִישְׁט. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעזָאגְט צוּ קוֹיפְן רַבֵּינוּ תַּם תְּפִילִין אוּן אִיךְ הָאב גָארְנִישְׁט גֶעטוּן וֶועגְן דֶעם. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל גֵיין הַפָּצָה, אוּן קוֹים וָואס אִיךְ גֵיי. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעזָאגְט צוּ קוֹיפְן אַ קַאר, דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן דִי בֶּעסְטֶע, אוּן אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעקוֹיפְט.

בְּעֶצֶם הַאלְט אִיךְ בַּיי גָארְנִישְׁט. אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעזוּנְט גֵייסְטִיש? נִישְׁט אֶפְשָׁר, נָאר זִיכֶער. זָאל אִיךְ נֶעמֶען מֶעדֶעצִין? ווייל אִיךְ זָאג דָאךְ נִישְׁט יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת מִיט גְמָרָא וָואס דָאס זָאל מִיךְ אוֹיסְהֵיילְן, אִיז דֶערְוַוייל פַארְוָואס זָאל מַיין וַוייב לַיידְן פוּן אַ מַאן וָואס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, אוּן פַאלְט אַרַיין אִין דֶעפְּרֶעסְיֶע יֶעדְן צְוֵוייטְן טָאג? אוּן אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ נֶעמֶען גֶעלְט פוּן דִי שְׁטָאט פַאר אֵיינֶער וָואס לַיידְט אוֹיף דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן נָאךְ? זָאל מַיין וַוייב הָאבְּן כָאטְשׁ דִי פָּאר דָאלֶער?

אִיךְ הָאף אַז וָואס דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר יֶעצְט עֶנְטְפֶערְן, וֶועל אִיךְ יָא מְקַיֵּים זַיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְט דַיין בְּרִיוו.

דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אַז מֶען וִויל מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן אִיז - מֶען זָאל נִישְׁט קֵייעֶן אַלְטֶע שְׁטְרוֹי, אִיבֶּערְקֵייעֶן אַלְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת, נָאר אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן כְּאִילוּ מֶען אִיז יֶעצְט גֶעבּוֹירְן. רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת יוֹרֶה דֵעָה הִלְכוֹת מִילָה הֲלָכָה ד, אוֹת יח): "עִיקַּר הַכְּנִיסָה לִתְשׁוּבָה וּלְקְדוּשַּׁת יִשְׂרָאֵל", דָאס אִיז דִי שְׁלִיסְל צוּ תְּשׁוּבָה אוּן צוּ זַיין אַ אִיד, "לַחְשֹׁב בְּכָל עֵת כְּאִילוּ עַתָּה נוֹלָד", טְרַאכְטְן 'אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעבּוֹירְן', "וַאֲפִילוּ אִם יַעֲבוֹר עָלָיו מַה", אוּן אֲפִילוּ עֶס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיפְן מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נָאר זַיין, "יִתְחַזֵּק בְּכָל פַּעַם וְיַחְשֹׁב בְּלִבּוֹ שֶׁעַתָּה נוֹלָד", זָאל עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן טְרַאכְטְן 'אִיךְ בִּין יֶעצְט נֵיי גֶעבּוֹירְן, אִיךְ הוֹיבּ אָן יֶעצְט פוּנְדָאסְנֵיי', "אָז בְּוַדַּאי סוֹף כָּל סוֹף יִזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְשֵׁם יִתְבָּרַךְ", וֶועט עֶר זִיכֶער אָנְקוּמֶען צוּ תְּשׁוּבָה אוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְאָז יִתְתַּקֵּן הַכֹּל", אוּן אַלֶעס פַארֶעכְטְן.

דָאס אִיז דִי זַאךְ וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַריינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט; הוֹיבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי, הוֹיבּ אָן פוּן יֶעצְט, בִּיסְט נֵיי גֶעבּוֹירְן, בִּיסְט אַ נֵייעֶ בַּאשֶׁעפֶענִישׁ. בַּיי מָשִׁיחַ שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ב, ז): "אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ", בִּיסְט הַיינְט גֶעבּוֹירְן, אוּן דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַריין אִין דִי וֶועלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען שִׁכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז דוּרְךְ, אוּן דָאס וָואלְט גֶעמַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ

זָאל נִישְׁט וֶועלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׂכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי".

פוּן יֶעצְט זָאלְסְטוּ פָאלְגְן דִי זַאכְן:

פַארְלֵייג זִיךְ אוֹיף גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן מִיט אַ סִידוּר מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ טוֹבֵל'ן אִינְדֶערְפְרִי פַארְן דַאוֶונֶען - אִיז נָאךְ בֶּעסֶער, וַוייל וֶוען מֶען טוֹבֵל'ט זִיךְ דֶעם גוּף דָא - טוֹבֵל'ט מֶען אוֹיבְּן אִין הִימְל דִי נְשָׁמָה, מֶען וֶוערְט רֵיין אוּן הֵיילִיג, אוּן נָאכְן דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית מִיט דִי טַלִּית וּתְפִילִין זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶועןן [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ].

פַארְלֵייג זִיךְ אוֹיף לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין. לֶערְן אֲפִילּוּ בְּלִי הֲבָנָה, אָן פַארְשְׁטֵיין, לֶערְן אֲפִילּוּ אָן דִי רַשִׁ"י'ס, נָאר דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא. דָאס וֶועט דִיךְ בַּאשִׁיצְן פוּן דִי קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים וָואס ווִילְן דִיר שְׁלֶעכְטְס טוּן. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ז, מְזְבוּב וְעַכָּבִישׁ), דֶער בַּארְג הָאט גֶעזָאגְט צוּם קֶענִיג: "ווִי לַאנְג דֶער בְּלַאט אִיז אוֹיף דִיר מֶגִין דַארְפְסְטוּ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם; אוֹיף מִיר שְׁטֵייעֶן אוֹיךְ אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס ווִילְן מִיר שְׁלֶעכְטְס טוּן, אָבֶּער זֵיי קֶענֶען מִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן וַוייל דֶער בְּלַאט בַּאשִׁיצְט מִיר"; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן דַף גְמָרָא, וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא - וֶוערְט מֶען בַּאשִׁיצְט, עֶס רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

וֶועגְן דַיינֶע חוֹבוֹת אוּן דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס אִיז גֶעבִּינְדְן אֵיינְס מִיטְן צְוֵוייטְן, אִיז דָא אֵיין עֵצָה, שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן שְׁרֵיי (עֶס דַארְף נִישְׁט זַיין בְּקוֹל, שְׁרֵיי שְׁטִילֶערְהֵייט):

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין אַזוֹי מְשׁוּגָע, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, אִיךְ פַארְשְׁמִיר מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ קוּק נִיאוּף, אוּן אִיךְ בִּין אִין אַזֶעלְכֶע חוֹבוֹת, אִיךְ בִּין אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ, אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין אִין גַאס, אִיךְ וֶוער מְשׁוּגָע פוּן יֶעדֶע פְּרוּי וָואס גֵייט אַרִיבֶּער. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, עֶכְט ווִיל אִיךְ זַיין גוּט, עֶכְט בִּין אִיךְ אַ אִיד מִיט אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה, אִיךְ בִּין נָאר אַזוֹי

**פַארְקְרָאכְן, הֶעלְף מִיר, אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין וֶועג, זַיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר. לֵייג אַרַיין אִין מִיר אַ רוּחַ טָהֳרָה, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן אוּן קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת״.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## פַארְוָואס קֶען אִיךְ נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב אַ גְרוֹיסֶע צָרָה, אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן; אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען בִּיטֶע מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר מִיר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**מֶען דַארְף נִישְׁט שְׁלָאפְן; אוֹיב מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן - גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן בֶּעט אוּן מֶען זָאגְט דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, ח״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן אוֹיב מֶען קֶען נָאכְאַלְץ נִישְׁט שְׁלָאפְן - קֶען מֶען עֶנְדִיגְן דִי מֶדְרָשׁ אוֹיף דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ מִיטְן זוֹהַר, אוּן אַז עֶס וֶוערְט שׁוֹין כִּמְעַט פַארְטָאגְס אוּן מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן - טוּט מֶען זִיךְ אָן אוּן מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה, מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען.**

**פַּיינִיג זִיךְ נִישְׁט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין הֲלָכָה אַז מֶען דַארְף שְׁלָאפְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם וויל נָאר מַחְלִישׁ דַּעַת זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ה מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ...**

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין וַוייבּ פַאר אַלֶעס וָואס עֶנְק טוּעֶן פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, אוּנְזֶער קְהִילָה. ווִיסְן זָאלְסְטוּ, מוֹהֲרָא״שׁ אִיז מִיט אוּנְז, מוֹהֲרָא״שׁ זֶעט וָואס עֶנְק טוּעֶן, עֶנְקֶערֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט נַחַת, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט שִׂמְחָה פוּן אוּנְזֶער שֵׁיינֶע קְהִילָה.

דוּ אוּן דַיין וַוייבּ דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין, וֶוען דוּ בִּיסְט בְּקַטְנוּת הַדַעַת זָאל דַיין וַוייבּ דִיךְ מְחַזֵק זַיין, אוּן אוֹיבּ דַיין וַוייבּ אִיז מְבוּלְבָּל וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ אִיר שְׁטַארְקְן. וַוייל דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם וויל נָאר מַחְלִישׁ דַעַת זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן בִּפְרַט דִי וָואס זֶענֶען מְשַׁמֵשׁ דֶעם צַדִיק, אוֹיף זֵיי פַארְלֵייגְט עֶר זִיךְ נָאךְ מֶער, אָבֶּער מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, מֶען דַארְף זִיךְ מְחַזֵק זַיין אוּן אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַלֶע צֶעדְרֵייטֶע מַחֲשָׁבוֹת, כְּאִילוּ מֶען דַארְף דִיךְ נִישְׁט וְכוּ׳, כְּאִילוּ מַאכְסְט חָרוּב וְכַדוֹמֶה, זֶע צוּ מַאכְן פוּן שֶׁ׳קֶ׳ר אַ קֶ׳שֶׁ׳ר.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ פַארְשְׁפַּארְט מִיט דִי סָארְט מַחְשָׁבוֹת; ווִי נָאר עֶס קוּמֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת - שְׁרַייבּ מִיר, אָדֶער קוּם רֶעדְן, נִישְׁט לָאזְן וֶוערְן דִי מַחֲשָׁבוֹת - חָמֵץ.

...

## דַיין מַעֲשֵׂר גֶעבּ פַּאר לוֹמְדֵי תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ה מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, הַלְוַואי אַז דוּ קֶענְסְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים. לֵייג תְּהִלִּים אַלְס דַיין עֶרְשְׁטֶע שִׁיעוּר, אִינְדֶערְפְּרִי זָאלְסְטוּ גְלַייךְ נָאךְ בִּרְכוֹת הַתּוֹרָה נֶעמֶען אַ תְּהִלִּים אוּן זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פְּלֶעכְט אַרַיין דַיינֶע אֵייגֶענֶע לוֹיבּ אוּן דַיין אֵייגֶענֶע גֶעבֶּעט; דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען אַ שִׁידוּךְ (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת חִתּוּן, סִימָן ט).

דַיין מַעֲשֵׂר גֶעבּ פַּאר לוֹמְדֵי תּוֹרָה. הֶעלְף אִינְגֶעלַייט וָואס זִיצְן אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִתּוֹךְ הַדְּחַק, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם אוֹת צְדָקָה, סִימָן ט): ״מִצְוָה לָזוּן אֵלוּ שֶׁעוֹסְקִים בַּתּוֹרָה יוֹתֵר מֵאֵלוּ שֶׁאֵין עוֹסְקִין״, עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ גֶעבְּן צְדָקָה פַּאר דִי וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה; דָאס וֶועט זַיין אַ זְכוּת פַּאר דַיין נְשָׁמָה, עֶס וֶועט וֶוערְן גֶערֶעכְנְט וִוי דוּ אַלֵיין זִיצְט אוּן לֶערְנְט אַ גַאנְצְן טָאג.

...

## מִיר אַלֶע דַארְפְן עֵצוֹת צוּ לֶעשְׁן דִי פֵייעֶר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ה מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

זֵייעֶר גוּט אַז דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי פֵייעֶר דִיפַּארְטְמֶענְט אִין שְׁטֶעטְל, אִין לִיבֶּערְטִי. אִיךְ הָאף אַרַיינְצוּלֵייגְן נָאךְ עֶרְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט אִין דִי דִיפַּארְטְמֶענְט, צוּ קֶענֶען הֶעלְפְן רַאטֶעוֶוען פוּן פֵייעֶר.

פַּארְגֶעס נִישְׁט, מִיר אַלֶע דַארְפְן עֵצוֹת צוּ לֶעשְׁן דִי פֵייעֶר, דִי שְׁלֶעכְטֶע פֵייעֶר וָואס בְּרֶענְט אִין הָאָרֶץ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ. דִי עֵצָה אוֹיסְצוּלֶעשְׁן דִי פֵייעֶר אִיז דוּרְךְ גִיסְן וַואסֶער, ״אֵין מַיִם אֶלָּא תּוֹרָה״ (בָּבָא קַמָּא פב.), וַואסֶער מֵיינְט תּוֹרָה, ״אֵין מַיִם אֶלָּא תְּפִלָּה״ (עַיֵּין בַּעַל הַטּוּרִים בְּרֵאשִׁית טז, ז), וַואסֶער מֵיינְט תְּפִלָּה, נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ב, ד): ״אֵין מַיִם אֶלָּא

תְּשׁוּבָה", וַואסֶער מֵיינְט תְּשׁוּבָה טוּן מִיט תּוֹרָה אוּן מִיט תְּפִלָּה, דָאס אִיז תְּשׁוּבָה, אַזוֹי לֶעשְׁט מֶען אוֹיס דִי שְׁלֶעכְטֶע פֵייעֶר וָואס וִויל פַארְבְּרֶענֶען דֶעם מֶענְטְשׁ.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ אִיז גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, עֶר הָאט אַמָאל שְׁפַּאצִירְט מִיט דִי בָּחוּרִים אוּן אַ פֵייעֶר לֶעשֶׁער טְרָאק אִיז אַרִיבֶּערְגֶעפָארְן, אוּן הָאט גֶעפִיפְן אוּן גֶעלִיַאמֶערְט מִיט קוֹלֵי קוֹלוֹת, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים: "עֶנְק זֶעעֶן, וֶוען מֶען לֶעשְׁט אַ פֵייעֶר, מֶען יָאגְט זִיךְ צוּ לֶעשְׁן אַ פֵייעֶר - פָארְט מֶען מִיט קוֹלֵי קוֹלוֹת, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז וֶוען מֶען וִויל פַארְלֶעשְׁן דִי פֵייעֶר פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, דַארְף מֶען שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט קוֹלֵי קוֹלוֹת 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, לֶעשׁ אוֹיס מַיין שְׁלֶעכְטֶע פֵייעֶר, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן שְׁלֶעכְטְס, עֶס בְּרֶענְט אִין מִיר דִי פֵייעֶר פוּן שִׁבְעִים אוּמוֹת, שִׁבְעִים לְשׁוֹנוֹת'".

...

### וִויכְטִיגֶע אָנְוַוייזוּנְגֶען וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ בִּיזְנֶעס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ה מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין נַייעָ בִּיזְנֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

אִיךְ וִויל דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר וִויכְטִיגֶע אָנְוַוייזוּנְגֶען וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ בִּיזְנֶעס אוּן מַצְלִיחַ זַיין.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן, עֶס מוּז גֶעפִירְט וֶוערְן מִיט דִי תּוֹרָה. יֶעדֶע שְׁאֵלָה; צִי אִין רִיבִּית, צִי אִין הַשָּׂגַת גְּבוּל, עָנִי הַמְּהַפֵּךְ בַּחֲרָרָה, גְּנֵיבָה, גְּזֵלָה וְכַדּוֹמֶה - מוּז מֶען פְרֶעגְן אַ רָב, אַ דַיָּין - אוּן טוּן וִוי אַזוֹי מֶען פַּסְקְ'נְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפ), וָואס אִיז דָאס אַז מֶען רוּפְט אֵיינֶעם צוּ דִין תּוֹרָה? זָאגְט דֶער רֶבִּי, דִי תּוֹרָה אִיז זִיךְ נוֹקֵם אִינֶעם מֶענְטְשׁ פַארְן פִירְן דִי בִּיזְנֶעס שֶׁלֹּא עַל פִּי תּוֹרָה, עַיֵּין שָׁם.

שֵׁנִית, גֵיי נִישְׁט אִין אָפִּיס נָאר נָאכְן דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, און שְׁטֶעל אָפּ דִי גֶעשֶׁעפְט בַּיי מִנְחָה מַעֲרִיב.

שְׁלִישִׁית, נֶעם אַרַיין אַ שׁוּתָּף, כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; פוּן דִי פַּארְדִינְסְטְן גֶעב מַעֲשֵׂר (אָדֶער וִוי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ גֶעבְּן אַ חוּמָשׁ).

פֶּערְטְנְס, רֶעד שֵׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, ג): "אַל תְּהִי בָז לְכָל אָדָם", זָאלְסְט יֶעדְן אֵיינֶעם גֶעבְּן גוּטֶע בַּאנֶעמוּנְג. מַיין שִׁיטָה אִיז, אַנְשְׁטָאט אַרַיינְלֵייגְן קָאפּ, מֹחַ און גֶעלְט אִין מַארְקֶעטִינְג - זָאל מֶען אַרַיינְלֵייגְן דִי נְשָׁמָה אִין קָאסְטוּמֶער סֶערְוִויס, גוּטֶע בַּאנֶעמוּנְג צוּ יֶעדְן; צוּם קְלֵיינֶעם, צוּם גְרוֹיסְן, צוּם רַייכְן און צוּם אָרֶעמַאן.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אַז דוּ וֶועסְט טוּן דִי זַאכְן וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

...

## טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, גֵיי וָואס מֶער הֲפָצָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

ווּאוֹיל אִיז דִיר און ווּאוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען פַאר דִיר עוֹסֵק זַיין, דַיין לֶעבְּן, דַיינֶע טֶעג, דַיינֶע יָארְן - אִין אַזַא הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, גֵיין הֲפָצָה, צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען יֶעדְן אֵיינֶעם צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סב): "עִקַּר שְׁלֵמוּת וְקִשּׁוּטֵי אֱמוּנָה, הַיְנוּ לְקָרֵב דַּיְקָא הַמְרֻחָקִים", אַז מֶען בְּרֶענְגְט צוּרִיק וַוייטֶע צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - מִיט דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ פָּנִים בְּפָנִים.

דָאס גֵיין הֲפָצָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקוּן, מֶען אִיז מְתַקֵּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף מְתַקֵּן זַיין. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה", וִוי אַזוֹי קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן? "שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", דוּרְךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֲפָצָה.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, גֵיי וָואס מֶער הֲפָצָה; גֵיי צוּ בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבוֹת, גֵיי צוּ אַבְרֵכִים אִין דִי כּוֹלְלִים; זֵיי דַארְפְן דָאס מֶערְסְטֶע חִיזּוּק, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס קָאכְט זִיךְ אִין זֵיי שְׁטִילֶערְהֵייט, אוּן נָאר דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ - דָאס הָאט דִי כֹּחַ זֵיי צוּ טְרֵייסְטְן.

...

## לָאזְט נִישְׁט אָפּ דִי ווִילְן אוּן בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ח, לד): "אַשְׁרֵי אָדָם", וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ, "שֹׁמֵעַ לִי", וָואס הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ מִיר, "לִשְׁקֹד עַל דַּלְתֹתַי יוֹם יוֹם", עֶר אַיילְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ מַיין טִיר יֶעדְן טָאג, "לִשְׁמֹר מְזוּזֹת פְּתָחָי", צוּ הִיטְן דִי עֶפֶענוּנְג פוּן מִיר; לִכְאוֹרָה, וָואס כַאפְּט עֶר דֶעם לָשׁוֹן פוּן אַ טִיר אוּן פוּן דִי זַייטְן פוּן דִי עֶפֶענוּנְג? זָאג וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס קוּמְט אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג אוּן קוּמְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לֶערְנֶען!

נָאר מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח), **אַז** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת", ווַייזְט מֶען אִים כְּאִילוּ מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, "וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען לָאזְט נִישְׁט אַרַיין.

אַמָאל - זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם): "וְדַע, שֶׁיֵּשׁ אֶחָד שֶׁכְּבָר הוּא אֵצֶל הַפֶּתַח שֶׁל הַקְּדֻשָּׁה", אִיז דָא אַמָאל אֵיינֶער וָואס אִיז שׁוֹין בַּיים טִיר פוּן דִי קְדוּשָּׁה, "וְהוּא חוֹזֵר לַאֲחוֹרָיו", אוּן עֶר לָאזְט אַלֶעס אָפּ, "מֵחֲמַת הַבִּלְבּוּלִים", פוּן דִי שְׁוֶוערֶע גֶעפִילְן וָואס דְרֵייט זִיךְ אִין אִים, עֶר שְׁפִּירְט ווִי מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין עֲבוֹדָה, ווַייל דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן דִי קְלִיפּוֹת וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי אֵיינֶער קוּמְט שׁוֹין נָאנְט צוּ דִי קְדוּשָּׁה, "מִתְפַּשֵּׁט עָלָיו בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד, רַחֲמָנָא לִצְלָן".

דָאס זָאגְט אוּנְז דִי פָּסוּק: "לִשְׁקֹד עַל דַּלְתֹתַי יוֹם יוֹם", וואוֹיל אִיז דֶעם

וָואס קוּמְט נָאכְאַמָאל צוּם טִיר, אוּן אֲפִילוּ עֶר שְׁפִּירְט ווִי דִי טִיר אִיז אִים פַארְמַאכְט, מֶען עֶפְנְט נִישְׁט דִי טִיר צוּ קְדוּשָׁה, בְּלַייבְּט עֶר זִיצְן, "לִשְׁמֹר מְזוּזֹת פְּתָחָי", עֶר בְּלַייבְּט זִיצְן אִינְדְרוֹיסְן אוּן וַוארְט צוּ קֶענֶען אַרַיינְגֵיין, עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ זַיין ווִילְן אוּן זַיין בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווארוּיל אִיז אִים בָּזֶה וּבַבָּא, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

## פַארְוָואס קְרִיגְט מֶען אוֹיפְן צַדִיק?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבּוּז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס פֶעטֶער, אוּן בַּיי דִי בְּרִית וֶוען מֶען הָאט אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם רֶבִּי'ן 'נַחְמָן' הָאט רֶבִּי בָּרוּכְ'ל זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: "'נַחְמָן' עַל שֵׁם (בְּרֵאשִׁית ה, כט) 'זֶה יְנַחֲמֵנוּ מִמַּעֲשֵׂנוּ וּמֵעִצְּבוֹן יָדֵינוּ מִן הָאֲדָמָה אֲשֶׁר אֵרְרָהּ הַשֵּׁם, אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוֹיף דֶעם פָּסוּק (סַנְהֶדְרִין קיג:) 'צַדִיק בָּא לְעוֹלָם, טוֹבָה בָּאָה לְעוֹלָם'"; דֶער רֶבִּי אִיז דָאס גוּטְס פוּן דִי וֶועלְט, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי טְרֵייסְט אוּנְז, דֶער רֶבִּי וַוייזְט אוּנְז אַז מִיר הָאבְּן נָאךְ אַ וֶועג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַמָּשׁ וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט, "זֶה יְ'נַחֲמֵנ'וּ", דֶער רֶבִּי טְרֵייסְט אוּנְז.

דֶער צַדִיק רֶבִּי בָּרוּכְ'ל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּינְ'ס בְּרִית, אוּן פֵיגָא עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, דֶעם רֶבִּינְ'ס מַאמֶע הָאט גֶעבֶּעטְן אִיר בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל: "בָּרוּכְ'ל - אַזוֹי הָאט זִי אִים גֶערוּפְן - וואוּנְטְשׁ אָן פַארְן קִינְד אַז מֶען זָאל נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף אִים", הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי בָּרוּכְ'ל אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "פֵייגֶעלֶע דָאס קֶען נִישְׁט זַיין, עֶס אִיז פַארְפַאלְן, מֶען מוּז קְרִיגְן אוֹיף אִים" (קוּקְט נָאךְ אִין סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, אוֹת כא), וַוייל דֶער צַדִיק וָואס הָאט דִי כֹּחוֹת צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן - אוֹיף אִים מוּז זַיין מַחֲלֹקֶת, וַוייל נָאר אַזוֹי אִיז עֶס מִיט אַן אֱמֶת, אַזוֹי ווִי דִי הֲלָכָה אִיז, מֶען וֶועט נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין קַיין גֵּרִים בִּימוֹת הַמָּשִׁיחַ, וַוייל וֶוען עֶס אִיז שֻׁלְחָן מְלָכִים אִיז דִי גֵּרוּת נִישְׁט מִיט לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רכח).

מֶען הוֹיבְּט הַיינְט אָן מַסֶּכֶת סַנְהֶדְרִין. זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, הוֹיבּ אָן דִי מַסֶּכְתָּא, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, אֲפִילוּ אָן פַּארְשְׁטֵיין, זָאג דִי וֶוערְטֶער. דָאס אִיז בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידוּת, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז דִמְיוֹנוֹת. דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַּאר זַיין אֵיידֶעם (מִכְתְּבֵי רַבֵּינוּ ז"ל, בְּרֵישׁ סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה): "בַּקָּשָׁתִי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמוֹד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מִטָּפֵל עִיקָר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרֵא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם", מַיין לִיבֶּער אֵיידֶעם, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מַאכְן פוּנֶעם טָפֵל אַן עִיקָר אוּן פוּן עִיקָר אַ טָפֵל.

הַיינְט וֶועט נִישְׁט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר, מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א מַאכְט חֲתוּנָה דִי יוּנְגְסְטֶע קִינְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִין שִׂמְחָה אִיז אַלֶעס אָנְגֶעהָאנְגֶען, אַלֶע יְשׁוּעוֹת, אַלֶע רְפוּאוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ה' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען דוּ בִּיסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, זָאלְסְטוּ דֶער עִיקָר מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף שִׂמְחָה; וַוייל אִין שִׂמְחָה אִיז אַלֶעס אָנְגֶעהָאנְגֶען, אַלֶע יְשׁוּעוֹת, אַלֶע רְפוּאוֹת - בַּאקוּמְט מֶען וֶוען מֶען אִיז בְּשִׂמְחָה, אוּן אוֹיךְ פַּארְקֶערְט, אוֹיב חַס וְשָׁלוֹם מֶען אִיז בְּעַצְבוּת וּבְמָרָה שְׁחוֹרָה, פוּן דֶעם קוּמְט דִי אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע נֶערְוֶוען, אוּן אוֹיךְ אַלֶע פַארְדְרֵייטֶע מַחֲשָׁבוֹת, דִמְיוֹנוֹת; הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

נָא, אִיךְ בֶּעט דִיר - טוּ אַלֶע צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן מַאךְ זִיךְ אֲפִילוּ נַארִישׁ בְּמִילֵי דְשְׁטוּתָא, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): "צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכֹחַ גָּדוֹל לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וַאֲפִילוּ בְּמִילֵי דְשְׁטוּתָא", מֶען דַארְף אַלֶעס טוּן, אַבִּי זַיין פְרֵיילִיךְ.

...

## לְכָבוֹד דִי גֶעבוּרְטְסְטָאג, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ה׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייט מַמְשִׁיךְ מִיט אַייעֶרֶע גוּטֶע קַבָּלוֹת פוּן זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ ׳סֵפֶר תְּהִלִּים׳, אוּן אוֹיךְ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי דְרַייצְן ׳אֲנִי מַאֲמִין׳.

לְכָבוֹד אַייעֶר גֶעבוּרְטְסְטָאג זָאלְט אִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה, "מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ", גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע מַזִּיקִים פוּן אִים. נָאךְ זָאגְן זֵיי (שָׁם): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַארְן שְׁלָאפְן גֵיין, "כְּאִילוּ אוֹחֵז חֶרֶב שֶׁל שְׁתֵּי פִּיּוֹת בְּיָדוֹ", אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הַאלְט אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד וָואס הָאט צְוֵויי שַׁארְפְן, אוּן מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער מוֹהֲרַנַ"ת זָאגְט, וָואס אִיז דִי צְוֵויי שַׁארְפְן? דָאס אִיז תּוֹדָה וְהוֹדָאָה אוּן תְּפִלָּה; וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען בֵּיידֶע, סֵיי דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן אוּן סֵיי בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער.

...

## אַלֶע צָרוֹת, דַחְקוּת און מְרִירוּת, קוּמְט פון עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ה׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. אַלֶע צָרוֹת, דַחְקוּת און מְרִירוּת, קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ פון עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, און אַלֶע הַצְלָחָה און בְּרָכוֹת קוּמְט אוֹיב מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב׳, סִימָן א) : "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ - אִיז מַצְלִיחַ.

דִי עִיקָר הַצְלָחָה אִיז - אַז מֶען הָאט שָׁלוֹם בַּיִת; דוּרְךְ שִׂמְחָה אִיז דָא שָׁלוֹם בַּיִת, וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ בַּאדֶערְט גָארְנִישְׁט, מֶען זֶעט נָאר דִי מַעֲלוֹת אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵייטְן.

דוּ זָאלְסְט נָאר זִינְגֶען און טַאנְצְן, און פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער; מִיט שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט מֶען אַלֶע קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים וָואס מֶען הָאט בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְּלָן, מִיט שִׂמְחָה אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת.

...

## אַז אַ יָתוֹם׳ל וֵויינְט, אִיז דָאס סַכָּנַת נְפָשׁוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מְחַזֵק זַיין דַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם יָתוֹם ... נֵרוֹ יָאִיר, וָואס לֶערְנְט מִיט אִים אִין חֵדֶר. עֶר הָאט מִיךְ נֶעכְטְן גֶערוּפְן וֵויינֶענְדִיג אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִים און עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַאטֶע צוּ וֶועם צוּ גֵיין; אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן פון דִי זַאךְ, וַוייל דָאס אִיז פַייעֶר; אַז אַ יָתוֹם׳ל וֵויינְט אִיז דָאס סַכָּנַת נְפָשׁוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין סֵפֶר קִיצּוּר שֻׁלְחָן עָרוּךְ (וָואס דוּ הָאסְט מִיר

גֶעבְּרֶענְט אַ מַתָּנָה, וָואס דַיין מִשְׁפָּחָה הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן לְזֵכֶר נִשְׁמַת דַיין טַאטֶע עָלָיו הַשָּׁלוֹם, אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג מִיט דִי תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם וָואס אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיטְן יָאר צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע יָאר), וִוי עֶר בְּרֶענְגְט (סִימָן כט, סְעִיף יט): "חַיָּב אָדָם לְהִזָּהֵר בִּיתוֹמִים וְאַלְמָנוֹת", מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן, זַיין גֶעוָוארְנְט מִיט יְתוֹמִים אוּן אַלְמָנוֹת, "שֶׁלֹּא יְדַבֵּר אֲלֵיהֶם אֶלָּא רַכּוֹת", רֶעדְן צוּ זֵיי נָאר וֵוייכֶע רֵייד, "וְיִנְהַג בָּהֶן מִנְהָג כָּבוֹד", אוּן זִיךְ פִּירְן צוּ זֵיי מִיט כָּבוֹד. "וְלֹא יַכְאִיבֵם אֲפִלּוּ בִּדְבָרִים", אוּן זֵיי נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אֲפִילוּ בְּלוֹיז מִיט ווערְטֶער, "מִפְּנֵי שֶׁנַּפְשָׁן שְׁפֵלָה מְאֹד", וַוייל זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, "וְרוּחָן נְמוּכָה", אוּן צֶעקְלַאפְּט, "אַף עַל פִּי שֶׁהֵן בַּעֲלֵי מָמוֹן", אוּן אֲפִילוּ זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט, "אֲפִלּוּ אַלְמְנָתוֹ שֶׁל מֶלֶךְ", אוּן אֲפִילוּ אַן אַלְמָנָה פוּן אַ קֶענִיג, "וִיתוֹמָיו", אוּן יְתוֹמִים פוּן אַ קֶענִיג, "מֻזְהָרִים אָנוּ עֲלֵיהֶן", זֶענֶען מִיר אָנְגֶעזָאגְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן מִיט זֵיי, וַוייל עֶס שְׁטֵייט "כָּל אַלְמָנָה וְיָתוֹם לֹא תְעַנּוּן".

דיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז זֵייעֶר אַ טַייעֶר קִינְד, עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט זֵייעֶר עֶרְלִיךְ, מֶען דַארְף אִים נָאר מְחַזֵּק זַיין עֶר זָאל ווִיסְן דִי הֲלָכָה פוּן יְתוֹמִים, אַז דָאס אִיז נִישְׁט וִוי סְתַּם קִינְדֶער וָואס מֶען זָאגְט אַ וָוארְט אַהִין אוּן אַ וָוארְט צוּרִיק, יְתוֹמִים אִיז אַ שְׁפִּיל מִיט פַייעֶר; ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זֵיי אוּן מַאכְט זֵיי פְרֵיילִיךְ, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### לַאךְ זִיךְ אוֹיס פוּן דִי לֵיצָנוּת וָואס מֶען שְׁפֶּעט פוּן דִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט מִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דַיין בְּרִיוו, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז שׁוֹין פַארְגֶעסְן פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן דִי שֵׁיינֶע לִימוּדִים, יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט

מִיר וִוי דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנַיוֹת, דוּ לֶערְנְסְט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אוּן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד - בִּין אִיךְ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

שְׁטַארְק זִיךְ, לַאךְ זִיךְ אוֹיס פוּן דִי לֵיצָנוּת אוּן פוּן דִי גֶעשְׁפֶּעט וָואס מֶען שְׁפֶּעט פוּן דִיר. עֶס אִיז דָא אַ שֵׁיינֶע בְּרִיוו פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס שְׁרַייבְּט פַאר זַיין בְּרוּדֶער, דֶער צַדִיק רֶבִּי יְחִיאֵל - אַ מוֹרָא'דִיגֶע בְּרִיוו. דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִים (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קסה): "הִגִּיעַנִי מִכְתָּבוֹ פֹּה זַאסְלַאב", אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, "וְהָיָה לִי צַעַר גָּדוֹל מִזֶּה", אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ וֵוייטָאג, "אֵיךְ מָלְאוּ לִבָּם הָאֲנָשִׁים הָרְשָׁעִים הָאֵלֶּה וְהֵעִזּוּ פְּנֵיהֶם כָּל כָּךְ נֶגְדְּךָ", וִוי קֶען זַיין מֶען זָאל זִיךְ צוּ דִיר אוֹיפְפִירְן מִיט אַזַא עַזּוּת, "וְתָמֵהַּ אֲנִי אֵיךְ לֹא נִמְצָא טוֹב לְעֻמַּת רַע כְּנֶגְדָּם לְבַעֵר הָרַע", אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ, וִוי קֶען זַיין עֶס זָאל נִישְׁט זַיין מֶענְטְשְׁן וָואס זָאלְן זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר דִיר? "אֲהוּבִי אָחִי נַפְשִׁי וּלְבָבִי", מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, "אַל תִּירָא וְאַל תֵּחַת מִפְּנֵיהֶם", הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן זֵיי, "רַק חֲזַק וֶאֱמַץ בַּתּוֹרָה וּבְיִרְאַת ה' כָּל הַיּוֹם, כַּמְדֻבָּר בֵּין שְׁנֵינוּ", שְׁטַארְק זִיךְ אִין תּוֹרָה אוּן אִין יִרְאַת הַשֵּׁם, "וּזְכוּת אֲבוֹתֶיךָ מְסַיַּעְתְּךָ, כִּי כָּל זֶה לְגַדֵּל אוֹתְךָ וּלְהַרְבּוֹת כְּבוֹדְךָ וּלְגַדֵּל שִׂכְלְךָ", וַוייל דָאס אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אִיז נָאר פַאר דַיין טוֹבָה, דִיךְ בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי כְּמוֹ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְכָל מִינֵי זֵרְעוֹנִים לָבוֹא לְתַכְלִית גְּדוּלָם אֶלָּא עַד שֶׁנּוֹתְנִין מִתְּחִלָּה הַגַּרְעִין בֶּעָפָר וְאַחַר כָּךְ הַגַּרְעִין נִתְבַּלֶּה וְאַחַר בְּלוֹתוֹ יִפְרַח וְיָצִיץ וְנַעֲשֶׂה אִילָן גָּדוֹל", אַזוֹי וִוי אַלֶע פְרוּכְט אוּן אַלֶע גְרִינְצֵייג, אַלֶעס וָואס וַואקְסְט - קֶען נָאר וַואקְסְן נָאכְדֶעם וָואס מֶען דֶעקְט צוּ דִי זוֹמֶען, דִי קֶערְל - אוּנְטֶער דִי עֶרְד, אוּן דִי קֶערְל וֶוערְט פַארְפוֹילְט, "כֵּן הַדָּבָר הַזֶּה שֶׁעַל יְדֵי זֶה שֶׁמַּשְׁפִּילִין אוֹתְךָ עַד עָפָר, עַל יְדֵי זֶה תִּתְגַּדֵּל וְתָצִיץ וְתִפְרַח בָּעוֹלָם", אַזוֹי אוֹיךְ מִיט דִיר, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען פַארְשֶׁעמְט דִיךְ אוּן מֶען דֶערְנִידֶערְט דִיךְ, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ וַואקְסְן אוּן גְרוֹיס וֶוערְן אוֹיף דִי וֶועלְט; "אִלּוּ הָיוּ יוֹדְעִין אֵלּוּ הָרְשָׁעִים מִזֶּה", וֶוען דִי שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוְוּיסְט וָואס פַאר אַ טוֹבָה זֵיי טוּעֶן דִיר מִיט דֶעם וָואס זֵיי רוֹדְפְ'ן דִיךְ, "בְּוַדַּאי לֹא הָיוּ מְבַזִּין אוֹתְךָ", וָואלְטְן זֵיי דִיךְ זִיכֶער נִישְׁט גֶעפַּיינִיגְט,

"כִּי כָּל כַּוָּנָתָם לְרַע", ווייל זֵייעֶר גַאנְצֶע כַּוָנָה אִיז נָאר דִיר שְׁלֶעכְטְס צוּ טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פָּאלְג דַיין ווַייבּ אוּן בְּלַייבּ מִיט דַיין פָּשׁוּט'עֶ טֶעלֶעפָאן. זִי אִיז גֶערֶעכְט, אַזוֹי הוֹיבְּט מֶען אָן אוּן עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ בִּיטֶער; קוֹדֶם נָאר אַ עֶפְּס פַאר דִי ווֶועג, נָאכְדֶעם נָאר דִי בַּאנְק, נָאכְדֶעם נָאר אַ גְרוּפּ פַאר מִשְׁפָּחָה - בִּיז מֶען ווֶוערְט אַן עֶבֶד לַעֲבָדִים, מֶען ווֶוערְט פַארְקְנֶעכְטֶעט פַארְן טֶעלֶעפָאן, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ ווַייבּ אַן עֶרְלִיכֶע אוּן אַן אֵיידֶעלֶע, דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם; דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה ווָאס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי ווָאס אִיז שְׁטַארְק מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן ווִיל זִיךְ נִישְׁט בֵּייגְן פַאר דִי גוֹי'אִישֶׁע גַאס; לוֹיבּ אִיר אוּן שֶׁעץ אִיר - ווֶועט דִיר גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דִיר עֶפֶּעס שְׁרַייבְּן לְכָבוֹד דַיין יוֹם הוּלֶדֶת, לְכָבוֹד ווָאס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעשָׁאנְקֶען נָאךְ אַ יָאר לֶעבְּן, ווָאס דוּ זָאלְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין; זַיי זִיךְ מְקַבֵּל אוֹיסְצוּהֶערְן חֲזָרַת הַשַּׁ"ץ ווָארְט בַּיי ווָארְט מִיט אַ סִידוּר פוּן אִינֶעווֵיינִיג, לֶערְן נִישְׁט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בַּיי חֲזָרַת הַשַּׁ"ץ, קוּק נִישְׁט קַיין סְפָרִים אוּן גִלְיוֹנוֹת אוּן זִיכֶער נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נָאכְן אַלֶעס טוּן, דַארְף מֶען יֶעצְט בֶּעטְן אַ מַתְּנַת חִנָּם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט נֶעכְטְן מִיט אַייעֶר מַאן, עֶר פְרֶעגְט מִיר מִיט וֶוייטָאג וָואס וֶועט דָא זַיין מִיט אַייעֶר גֶעזוּנְט? עֶר אִיז אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן און פַארְלוֹירְן, אוּן אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיי אִיךְ פוּן אִים אַז אִיר זֶענְט שׁוֹין אוֹיךְ אַבִּיסְל פַארְלוֹירְן, וָואס וֶועט דָא זַיין מִיט אַייעֶר גֶעזוּנְט?

אַייעֶר מַאן זָאגְט מִיר, מֶען הַאלְט שׁוֹין נָאךְ אַלֶע סְגוּלוֹת, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעגֶעבְן שְׁוֶוערֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער פַאר צְדָקָה לִזְכוּת אַ רְפוּאָה פַאר אַייךְ, מֶען הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען, אוֹיךְ אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר אַייךְ, אוּן אִיךְ בֶּעט טָאג טֶעגְלִיךְ אִיר זָאלְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אִיר זָאלְט זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען וַוייטֶער בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער; עֶר פְרֶעגְט וָואס אִיז נָאךְ דָא צוּ טוּן פַאר אַ רְפוּאָה פַאר אַייךְ?

מָרַת ... תִּחְיֶ׳, אִין הִימְל אִיז דָא אַן אוֹצָר וָואס רוּפְט זִיךְ ׳אוֹצָר מַתְּנַת חִינָם׳, אִיז יֶעצְט וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין אַלֶעס גֶעטוּן, וֶועט מֶען גֵיין צוּם אוֹצָר אוּן נֶעמֶען דִי טֵייעֶרֶע סְגוּלָה פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועג ווִי מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן בִּיז אַהֶער, מִיט אַ בַּקָּשָׁה, אַז עֶס קוּמְט זִיךְ עֶפֶּעס דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר בֶּעטְן אַ מַתְּנַת חִינָם, אַן אוּמְזִיסְטֶע מַתָּנָה, אוּן דָאס קֶען נָאר גֵיין אִינְאֵיינֶעם מִיט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיר עֶנְדִיגְט מִיט דִי קִינְדֶער - זָאלְט אִיר זִיךְ בַּאשְׁטִימֶען אַפָּאר מִינוּט פוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, אוּן אוֹיךְ אוֹיף דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיר זֶענְט אַרִיבֶּער בִּיז אַהֶער, אוּן גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס בִּיז אַהֶער אִיז נָאר גֶעוֶוען לְטוֹבָה, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, עֶס אִיז אֵיין שְׁטִיק טוֹבָה דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן נָאר נָאכְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַפָּאר מִינוּט, זָאלְט אִיר זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים מִיט אַ מַתְּנַת חִינָם, דֶעם לָשׁוֹן:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל וויסְן אַז אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט אִיז נָאר גוּטְס, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שְׁלֶעכְטְס פוּן דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ אַז אַלֶעס וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער בִּיז אַהֶער אוּן וָואס אִיךְ גֵיי נָאךְ יֶעצְט אַרִיבֶּער - אִיז נָאר פַאר מַיין טוֹבָה, אוּן אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְן מִיר מַאכְן נָאר גוּטְס.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ בֶּעט דִיר הֵייל מִיךְ אוֹיס, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע הַארְץ אוּן אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ, אוּן אִיךְ זָאל קֶענֶען בְּרֶענְגֶען נָאךְ קִינְדֶער. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער מִיר הָאבְּן שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַלֶע סָארְט מֶעדֶעצִין, מִיט אַזוֹיפִיל דָאקְטוֹירִים, מִיט כָּל מִינֵי מֶענְטְשְׁן וְכוּ', אוּן קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט הֶעלְפְן. בֶּעט אִיךְ דִיר אַ מַתְּנַת חִינָם, אַן אוּמְזִיסְטֶע מַתָּנָה. אִיךְ וֵוייס עֶס קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט, אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ אִיז נָאר מַתְּנַת חִינָם, דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר אַ מַתְּנַת חִינָם, אִיךְ זָאל זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע, אַ גֶעזוּנְטֶע וַוייבּ פַאר מַיין מַאן אוּן נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא וְתַלְמִידוֹ רֶבִּי נָתָן וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט אוּן אִין מִיר דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּ דִיר, אוּן ווִי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן נָאר בְּלָשׁוֹן מַתְּנַת חִינָם, זָאל אִיךְ הָאבְּן אַ רְפוּאָה, אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן גֶעלְט? לֶערְן אוֹיס דַיין זוּן גוּטֶע מִידוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

רֶעד צוּ דַיין זוּן, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִים, לֶערְן אִים אוֹיס אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף אַנְדֶערֶע, בִּפְרַט אוֹיף אַ יָתוֹם. עֶר לֶערְנְט אִין אֵיין כִּתָּה מִיט ... דֶער יָתוֹם, אוּן דֶער יָתוֹם'ל קוּמְט צוּ מִיר וֵויינֶען אַז עֶר וֶוערְט גֶעטְשֶׁעפֶּעט פוּן קִינְדֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ אַזוֹי מוֹרָא פוּן דִי טְרֶערְן פוּן אַ יָתוֹם; אֲפִילוּ אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אַ

מְלַמֵּד, וָואס דַארְף זַיין אַמָאל שְׁטְרֶענְג צוּ תַּלְמִידִים - שְׁטֵייט אָבֶּער אַז בַּיי יְתוֹמִים זָאל מֶען מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וַוייל עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): "כִּי ה' יָרִיב רִיבָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר זֵיי (רַמְבַּ"ם פֶּרֶק ו' מֵהִלְכוֹת דֵּעוֹת, הֲלָכָה י').

וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי אַרַיינְגֶעטִינְקֶען אִין בִּיזְנֶעס רֹאשׁוֹ וְרוּבּוֹ, וָואס מַאכְסְטוּ זִיךְ נַארִישׁ? וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן דַיין גֶעלְט?! רֶעד צוּ דַיין זוּן, לֶערְן אִים אוֹיס גוּטֶע מִידוֹת, לֶערְן אִים אוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ; דָאס אִיז רַייכְטוּם, בִּיזְנֶעס אוּן גֶעלְט אִיז קָאפּ וֵויי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶרֶב שַׁבָּת דַארְף מֶען זִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיְחִי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס קֶענֶען מִיר צוּרִיק טוּן פַאר רֶבִּי נָתָן פַארְן רַאטֶעוֶוען אוּנְזֶער לֶעבְּן? רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז צַוָואָה גֶעלָאזְט: "אִיךְ זָאג אַייךְ אָן, אַייעֶר עוּבְדָא זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, עֶס זָאל זַיין 'יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה', אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט 'גֶעלְט' מִיט 'רָצוֹן' אוּן מִיט 'טִירְחָא'".

דִי וָואךְ דַאוֶונְט מֶען מִנְחָה אוּן קַבָּלַת שַׁבָּת אַבִּיסְל פְּרִיעֶר, אַז מֶען זָאל קֶענֶען אוֹיסְפַּאסְן וֶוען עֶס וֶוערְט נַאכְט. זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגְרֵייטְן, גֵיין אִין מִקְוֶה אִין צַייט, אוּן זַיין בַּיים לִיכְט צִינְדְן אִין צַייט, אוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן כַּעַס. יֶעדֶע וָואךְ עֶרֶב שַׁבָּת דַארְף מֶען זִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס, סְפֶּעצִיעֶל דִי וָואךְ וֶוען מֶען פַּאסְט אִיז מֶען מֶער אִין אַ סַכָּנָה פוּן זִיךְ בֵּייזֶערְן, מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זַיין פְּרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג.

פָאריגֶע וָואךְ פְרַייטָאג וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן מִקְוֶה אוּן אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין דִי מַצַּב רוּחַ פוּן אַלֶעס זָאל קְלַאפְּן מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ', וֵויסְט וָואס אִיךְ מֵיין, אוּן מַיין וַוייבּ זָאגְט מִיר זִי הָאט יֶעצְט גֶעשִׁיקְט עֶסְן פַאר אַ

מִשְׁפָּחָה וָואס דִי מַאמֶע אִיז אִין שְׁטוּבּ אָבֶער זִי אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק, דִי דָאקְטוֹירִים זָאגְן אַז זִי הָאט נָאךְ גֶעצֵיילְטֶע טֶעג צוּ לֶעבְּן; הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ כַאפּ אוֹיף פוּן מַיין מַצָּב רוּחַ אַז אַלֶעס דַארְף קְלַאפְּן וְכוּ׳, אוּן גֶעזָאגְט: "שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִין דֶעם שְׁטוּבּ אִיז דִי מַאמֶע גֶעזוּנְט"; אַוַודַאי הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִי פְּרוֹי, אָבֶער דִי מַצָּב רוּחַ הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶעטוֹישְׁט; גָארְנִישְׁט הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעדַארְפְט קְלַאפְּן, דִי לִיפְּן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן - אַנְשְׁטָאט זָאגְן יֶעדֶע רֶגַע פַאר אַ צְוֵוייטֶע קִינְד: "טוּ דָאס", "טוּ יֶענְץ" - הָאט עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן: "שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער".

מַאךְ אַ מַצָּב אִין שְׁטוּבּ פוּן דִי סִיוּם סֵפֶר בְּרֵאשִׁית, אוּן אַז דַיינֶע זִין הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט חוּמָשׁ בְּרֵאשִׁית זָאלְסְטוּ מִיט זֵיי טַאנְצְן. אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי מַצָּב וָואס מֶען מַאכְט, אַז מֶען רִימְט אוֹיס דִי קִינְדֶער מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען - וֶועלְן זֵיי נָאךְ מֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן אַז דִי גַאנְצֶע שְׁמוּעֶס דְרֵייט זִיךְ נָאכְמָאל וֶועגְן דִי נַייעֶ הוֹיז, אוּן דִי נַייעֶ קַאר, אוּן יֶענֶעמְ׳ס הוֹיז אוּן יֶענֶעמְ׳ס קַאר, אוּן וִוי קֶען מֶען מַאכְן נָאךְ אַפָּאר דָאלֶער, אוּן וִוי קֶען מֶען אִינְוֶועסְטִירְן אִין אַ זִיכֶערֶע סְטַאקְס? וֶועלְן דִי קִינְדֶער גֵיין אִין דִי וֶועג, אוּן הַאלְטְן דִי מְסוֹרָה פוּן קוֹיפְן הַייזֶער, קַארְס, סְטַאקְס.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## לַיידְן אוּן שְׁוַוייגְן, בִּפְרַט אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שׁוֹבָבִי"ם אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן; נִישְׁט דוּרְךְ פַאסְטְן, נִישְׁט דוּרְךְ סִיגוּפִים, נָאר דוּרְךְ יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק, דוּרְךְ לַיידְן אוּן שְׁוַוייגְן; בִּפְרַט אִין שְׁטוּבּ, וֶוען דִי וַוייבּ הָאט גֶעזָאגְט אַ וָוארְט, אָדֶער נִישְׁט גֶעמַאכְט פִּינְקְט אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעוָואלְט; אַז מֶען לַיידְט אוּן מֶען

שְׁוַוייגְט – קוּמְט מֶען אָפּ אַלֶע עֲבֵירוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן ו), דָאס אִיז תְּשׁוּבָה, אוּן דוּרְךְ דֶעם קוּמְט מֶען צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת.

בְּעִיקָר אִין שְׁטוּבּ, דָארְט אִיז אַ גוּטֶע פְּלַאץ פַאר יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק; נִישְׁט צוּ וֶוערְן בְּכַעַס וֶוען דִי וַוייבּ הָאט עֶפֶּעס גֶעזָאגְט, אָדֶער נִישְׁט גֶעטוּן וִוי מֶען וויל, אוּן נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן בְּלָאזְן, טְרִייצְן אָדֶער אַרַיינְגֵיין אִין אַ קַאלְטֶע קְרִיג וְכוּ׳, נָאר וַוייטֶער לִיבּ הָאבְּן אוּן וַוייטֶער לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקוּן שׁוֹבָבִי"ם, אוּן דָאס אִיז סַאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע עֲבוֹדָה וִוי דִי שְׁוֶוערְסְטֶע עֲבוֹדָה וָואס אִיז דָא.

אוֹיךְ אִין שׁוּל, אַז אֵיינֶער זָאגְט דִיר עֶפֶּעס – זָאלְסְטוּ מַאכְן תִּיקוּן שׁוֹבָבִי"ם אוּן מְקַיֵּים זַיין דֶעם יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק. אִין שׁוּל קוּמֶען אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער הָאט יֶעצְט גֶעכַאפְּט אַ פְּסַק פוּן דִי וַוייבּ, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, אוּן אַז מֶען גֶעבְּט דִיר אַ פְּלִיק – בְּלַייבּ שְׁטִיל.

אוֹיךְ גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר צְדָקָה, אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִלְיוֹנוֹת – אִיז אַ תִּיקוּן הַבְּרִית, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן רסד), וַוייל אַז מֶען הָאט מַשְׁפִּיעַ גֶעוֶוען אִין אַ נִישְׁט גוּטֶע פְּלַאץ – דַארְף מֶען מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף אַ גוּטֶע פְּלַאץ, אוּן אַז דִי אַלֶע נִיצוֹצוֹת אוּן טִפּוֹת זֶענֶען פַארְשְׁפְּרֵייט אִין דִי וֶועלְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דַארְף מֶען גֵיין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, דָאס אִיז תִּיקוּן הַבְּרִית.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וָאֵרָא, כ׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קַשְׁיוֹת מוּז זַיין, קַשְׁיוֹת וֶועט אַלְץ זַיין, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ מִיר קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ זָאלְן קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין רוּחָנִיוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ. אַזוֹי

אוֹיךְ אוֹיף צַדִּיקִים מוּז זַיין קַשְׁיוֹת, און עֶס וֶועט אַלְץ זַיין קַשְׁיוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן נב): "כַּךְ רָאוּי לִהְיוֹת דַּיְקָא, שֶׁיִּהְיוּ קֻשְׁיוֹת עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְכַךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ יִתְבָּרַךְ", אַזוֹי דַארְף זַיין, אַזוֹי קוּמְט עֶס זָאל זַיין און עֶס אִיז שֵׁיין עֶס זָאל זַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "אִם הָיָה הַנְהָגָתוֹ כְּפִי חִיּוּב דַּעְתֵּנוּ", וַוייל אוֹיב וָואלְט מֶען וֶוען פַארְשְׁטַאנֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, "אִם כֵּן הָיָה, חַס וְשָׁלוֹם, דַּעְתּוֹ כְּדַעְתֵּנוּ", וָואלְט דָאךְ חַס וְשָׁלוֹם גֶעוֶוען אוּנְזֶער שֵׂכֶל אַזוֹי ווִי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס פַארְשְׁטַאנְד, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער אוֹיסְגֶעפִירְט: "ווָאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה".

קֶענְסְט מִיר זָאגְן וָואס פַאר אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעטוּן אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים? אִיךְ זֶע דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק, דוּ הָאסְט אַלֶע אֵבָרִים; אוֹיגְן, אַ נָאז, הֶענְט און פִיס, דוּ אָטֶעמְסְט, דוּ רֶעדְסְט; וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי בְּרוֹגֶז? וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי פַארְנוּמֶען מִיט קַשְׁיוֹת? הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ, אַ מַשְׂכִּיל, וָואס הָאט גֶעלֵיינְט פְרֶעמְדֶע בִּיכֶער און פְרֶעמְדֶע שֵׂכֶל - אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן און אָנְגֶעהוֹיבְּן פְרֶעגְן זַיינֶע שְׁטוּתִים, כְּלוֹמַרְישׁ'ע קַשְׁיוֹת. רֶבִּי נָתָן הָאט מִיט גְרוֹיס גֶעדוּלְד אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט, און וֶוען עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט רֶעדְן, גֶעבְּט רֶבִּי נָתָן אַ קְרֶעכְץ און עֶר פְרֶעגְט אִים: "קֶענְסְט מִיר זָאגְן וָואס פַאר אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעטוּן אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים? אִיךְ זֶע דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק, דוּ הָאסְט אַלֶע אֵבָרִים, אוֹיגְן, אַ נָאז, הֶענְט און פִיס, דוּ אָטֶעמְסְט, דוּ רֶעדְסְט; רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַזַא אֱמֶת אַז דֶער אִיד הָאט זִיךְ צוּוֵוייְנְט און עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ זָאל קוּמֶען צוּ דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם, יֶעצְט שׁוֹבָבִי"ם חַזֶר'ט מֶען דִי הֲלָכוֹת פוּן אַ רֵיינֶע שְׁטוּב, און אוֹיךְ גוּטֶע חִיזוּק; אַ שָׁאד זִי

זָאל נִשְׁט קוּמֶען, אַ שָׁאד דוּ זָאלְסְט אִיר נִשְׁט הֶעלְפְן קוּמֶען, בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב בֶּעבִּיסִיטְן אַז זִי זָאל קֶענֶען שֶׁעפְּן פְּרִישֶׁע כֹּחוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁטָא בֶּעסֶערְס אוּן זִיסֶערְס פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דַיין לִימוּד הַתּוֹרָה. הַלְוַאי וָואלְסְטוּ גֶעקוּמֶען אִין כּוֹלֵל לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַ חַבְרוּתָא אַזוֹי ווִי אַמָאל, עֶס אִיז נִישְׁטָא עֶפֶּעס בֶּעסֶערְס אוּן זִיסֶערְס וִוי לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דָאס אִיז דֶער עִיקָר אִין לֶעבְּן; לֶערְנֶען אוּן דַאוֶּוענֶען אוּן טוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט שׁוֹבְבִי"ם וֶוען מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט חֲתוּנָה מַאכְן דַיינֶע קִינְדֶער יוּנְג, זָאלְסְט טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וִויפִיל הָאט מוֹהֲרַ"ש גֶעוֵויינְט צוּ אוּנְז אוּן וִויפִיל הָאט מוֹהֲרַ"ש גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער

און קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס זֵיי לַיידְן, וִוי שְׁטַארְק זֵיי ווילְן זַיין גוט און ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז זֵיי.

אִיךְ גֶעדֶענְק אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אֵיין יָאר נִישְׁט גֶעהַאט דִי כֹּחוֹת צוּ גֶעבְּן אַ תְּקִיעַת שׁוֹפָר דְּרָשָׁה, אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיפְן בִּימָה נֶעבְּן מוֹהֲרָא"שׁ, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיךְ גֶערוּפְן שְׁטֵיין נֶעבְּן אִים, צוּ יוֹצֵא זַיין דִי בְּרָכָה פַאר דִי תְּקִיעוֹת דִּמְעֻמָּד, און אוֹיךְ צוּ זַיין גְרֵייט אוֹיב מוֹהֲרָא"שׁ וֶועט נִישְׁט הָאבְּן כֹּחַ צוּ בְּלָאזְן דִי תְּקִיעוֹת דִּמְיֻשָּׁב. אִין דִי צַייט וָואס דֶער עוֹלָם הָאט גֶעזָאגְט זִיבְּן מָאל לַמְנַצֵּחַ הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוֹיפְן קוֹל, בִּבְכִיּוֹת נוֹרָאוֹת, און מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מִיר: "אִיךְ ווִיל יֶעצְט זָאגְן אַ תְּקִיעַת שׁוֹפָר דְּרָשָׁה פַאר בֵּית דִּין שֶׁל מַעֲלָה, בָּחוּרִים זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג אַז זֵיי פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, מֵיידְלֶעךְ זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג, וַוייל זֵיי ווילְן חֲתוּנָה הָאבְּן און מֶען לָאזְט נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן בִּיז מֶען אִיז אַלְט, און דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס זֵיי פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת".

עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג, עֶס הָאט גֶעגָאסְן בְּלוּט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ פוּן דִי נָאז, דִי וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁע, דִי טַלִּית; אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען בְּלוּטִיג, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט וַוייטֶער: "אִיךְ וֶועל נִישְׁט לָאזְן מֶען זָאל דַן זַיין אוֹיף שְׁלֶעכְטְס קֵיין אֵיין בָּחוּר און מֵיידְל, וַוייל אַלֶע ווילְן זַיין גוט, מֶען לָאזְט נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְג, מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער וַוארְטְן בִּיז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין פַארְפַאלְן".

מִיר דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן גֵיין בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, פָאלְגְן דִי תּוֹרָה, פָאלְגְן דִי צַדִיקִים, מַאכְן שִׁידוּכִים מִיט דִי קִינְדֶער יוּנְג, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין עו:): "הָאוֹהֵב אֶת אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ זַיין וַוייבּ אַזוֹי ווִי זִיךְ אַלֵיין, "וְהַמְכַבְּדָהּ יוֹתֵר מִגּוּפוֹ", און עֶר אִיז אִיר מְכַבֵּד נָאךְ מֶער ווִי עֶר אִיז זִיךְ אַלֵיין מְכַבֵּד, "וְהַמַּדְרִיךְ בָּנָיו וּבְנוֹתָיו בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה", און דֶער וָואס לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, "וְהַמַּשִּׂיאָן סָמוּךְ לְפִרְקָן", און עֶר מַאכְט חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (אִיּוֹב ה, כד): "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ וּפָקַדְתָּ נָוְךָ וְלֹא תֶחֱטָא", וֶוער רֶעדְט נָאךְ דִי

טֶעכְטֶער... אוֹיף זֵיי דַארְף מֶען נָאךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן. אַזוֹי וְוִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קיג.): "בְּתָּךְ בָּגְרָה", אוֹיבּ דַיין טָאכְטֶער וֶוערְט דְרַייצְן יָאר, "שַׁחְרֵר עַבְדְּךָ וְתֶן לָהּ", זָאלְסְטוּ אֲפִילוּ בַּאפְרֵייעֶן דַיין קְנֶעכְט אוּן אִיר גֶעבְּן דֶעם קְנֶעכְט פַאר אַ מַאן, וַוייל אַז נִישְׁט - וֶועט זִי חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת; זֶעט מֶען וְוִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף הִיטְן דִי טֶעכְטֶער.

נָאר מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה, מֶען דַארְף שׁוֹין יֶעצְט בֶּעטְן וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער חֲתוּנָה מַאכְן יוּנְג, זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין דִי צַעַר אוּן יְסוּרִים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעוַוארְט אוֹיף מַיין שִׁידוּךְ".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַ גֶעשְׁמַאקֶע זַאךְ צוּ זִיצְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע גְרִיסְן פוּן דִיר אוּן אוֹיף דִיר, וְוִי דוּ דִינְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּתּוֹרָה וּתְפִלָּה וּבִטָּחוֹן, וְוִי דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, בִּפְרַט בִּשְׁלוֹם בַּיִת, וְוִי אַלֶעס הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן, עֶס אִיז דִיר הַיינְט אַ גֶעשְׁמַאקֶע זַאךְ צוּ זִיצְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ, עֶס בְּרֶענְט מֶער נִישְׁט אַרוֹיסְצוּלוֹיפְן צוּ כְּלוֹמַר'ישֶׁע חֲבֵרִים, דַיין לֶעבְּן אִיז גַן עֵדֶן.

אָנְגֶעהוֹיבְּן אִינְדֶערְפְרִי וְוִי דוּ גֵייסְט צוּם שׁוּל אָן דַיין קַאר, דוּ נוּצְט אוֹיס דִי צַייט פַאר הִתְבּוֹדְדוּת. (אַגַב, טוּ צוּרִיק אָן דַיין קְלַאסִישֶׁע אֵיידֶעלֶע שִׁיךְ, בְּלַייבּ אָנְגֶעטוּן חֲסִידִי'שׁ, טְרַאכְט וְוִי אַזוֹי דוּ ווִילְסְט דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר זָאל אַהֵיים קוּמֶען, מִיט וָואס פַאר אַ קְלֵיידֶער... אוּן אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט גֵיין אַזַא לַאנְגֶע וֶועג מִיט אֵיידֶעלֶע שִׁיךְ - זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אִין שְׁטוּבּ), אוּן וְוִי דוּ בִּיסְט קוֹבֵעַ אַ חַבְרוּתָא; לֶערְנֶען גְמָרָא וְסִפְרֵי רַבֵּינוּ, אוּן

אַז דוּ בִּיסְט אַ מְשַׁמֵּשׁ פַארְן רֶבִּי׳ן, דוּ בִּיסְט אַ בַּעַל תְּפִלָּה קָבוּעַ, דוּ פִירְסְט אַ מִנְיָן, בִּיזְט אַ מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, אוּן וִוי דוּ דֶערְהַאלְסְט זִיךְ, אֲפִילוּ פַּרְנָסָה אִיז מְצוּמְצָם בִּיסְטוּ וַוייטֶער פְרֵיילִיךְ, אַה מְחַיֶּ׳ דִי שֵׁיינֶע גְרִיסְן, אַה מְחַיֶּ׳.

בִּזְכוּת וָואס דוּ דַאוֶנְעסְט פַארְן עָמוּד מִיט אַ גֶעשְׁמַאק - זָאלְסְטוּ בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכָה פוּן רֶבִּי׳ן, (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סג): "הַתְּפִלָּה שֶׁמִּתְפַּלְּלִין לִפְנֵי הָעַמּוּד בִּנְגִינָה הוּא סְגֻלָּה לְבָנִים", דַאוֶנֶען פַארְן עָמוּד מִיט גֶעזַאנְג אִיז מְסוּגָּל לְבָנִים.

...

## גֵּיי הַפָּצָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֵּיי הַפָּצָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לז:): "גָּלוּת מְכַפֶּרֶת עַל הַכֹּל"; דָאס אִיז הַפָּצָה, מֶען גֵייט אַרוּם וַואנְדֶערְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען פַארְבְּלָאנְזְשֶעטֶע נְשָׁמוֹת.

וָואס מֵיינְסְטוּ, וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע בְּרִידֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיט רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען גָּלוּת לַיידְן? זֵיי הָאבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען בְּתִקּוּן הָעוֹלָם, צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית, אִין דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - דַארְף מֶען עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אִידִישֶׁע קִינְדֶער - צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט שׁוֹבְבִי"ם זָאלְסְטוּ עֶפֶּעס טוּן פַאר הַפָּצָה, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים קוּנְטְרֵסִים וָואס אִיז מְגַלֶּה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז אוֹיךְ תִּיקּוּן הַבְּרִית.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בַּיי װעלְכֶע זַאכְן זָאל דִי מוֹסָד שְׁפָּארְן גֶעלְט?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

װֶוען עֶס קוּמְט צוּ זִיכֶערְהֵייט פוּן דִי קִינְדֶער אוּן פוּן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס - זָאלְסְטוּ דָאס מֶערְסְטֶע אַכְטוּנְג גֶעבְּן, עֶס זָאל זַיין מֶער פוּן הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט זִיכֶער, אוּן אַז מֶען דַארְף קוֹיפְן נֵייעֶ רֶעדֶער פַאר דִי שָׁאטְל וָואס בְּרֶענְגְט דִי טִיטְשֶׁערְס - זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֵייגְן קַיין בִּילִיגֶע רֶעדֶער וָואס קֶען זַיין אַ סַכָּנָה, לֵייג דִי טֵייעֶרְסְטֶע רֶעדֶער, אוּן אַז פוּן אָפִיס זָאגְט מֶען דִיר מֶען זָאל לֵייגְן דִי בִּילִיגְסְטֶע - זָאלְסְטוּ וַוייזְן דֶעם בְּרִיװ אוּן זִיךְ דוּרְכְקוּמֶען מִיט זֵיי, וַוייל וָואס װֶעט מֶען קֶענֶען טוּן אוֹיבּ עֶס שְׁנֵייט אוּן עֶס אִיז דָא אַייז אוּן דִי שָׁאטְל װֶעט חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אָפְּשְׁטֶעלְן מִיט אַן אָנְגֶעפִּילְטֶע בָּאס מַאמֶעס מִיט קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ שְׁפָּארְן גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד, אוּן אַז דִי מְנַהֶלֶת בֶּעט דִיר אַ הַאלְבֶּע טִיר בַּיים אָפִיס - זָאלְסְטוּ נִישְׁט בַּאשְׁטֶעלְן אַ טִיר פוּן אַפָּאר טוֹיזְנְט דָאלֶער, נִישְׁטָא דִי גֶעלְט פַאר דֶעם, דָאס קֶענְסְטוּ מַאכְן אַלֵיין מִיט אַ זֶעג, צוּזֶעגְן אַ טִיר אוּן מַאכְן אַ הֵיימִישֶׁע טִיר וְכוּ', אָבֶּער װֶוען עֶס קוּמְט צוּ זִיכֶערְהֵייט - זָאל אַלֶעס זַיין דָאס מֶערְסְטֶע זִיכֶער פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

אִיךְ שִׁיק דִיר נָאכְאַמָאל דִי בְּרִיװ וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן נָאךְ דַיין חֲתוּנָה, װֶוען דוּ הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן דוּ װִילְסְט הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, אוֹיף וָואס אִיךְ נֶעם דִיךְ אוֹיף, אוֹיף דְרֵיי זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דִי בְּרִיװ צוּ װֶעלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיװ בַּאצִיט זִיךְ:

## ווי אַזוֹי צוּ הֶעלְפְן מִיט דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרָשַׁת רְאֵה - מְבָרְכִים אֱלוּל, כ״ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע אַרְבֶּעט פַאר דִי מוֹסָד, הָאסְט אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט דִי מֵיידְל קֶעמְפּ אַזוֹי גֶעשְׁמַאק; מָרַת ..., דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ׳ - זָאגְט מִיר אַז דִי יָאר זוּמֶער אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זוּמֶער, אַלֶעס אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּגֶעשְׁטֶעלְט; דִי יְיַשֵׁר כֹּחַ קוּמְט דִיר פַארְן זַיין אַזוֹי גֶעטְרֵיי.

בְּנוֹגֵעַ הֶעלְפְן מֶענִידְזְשְׁן דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה, דוּ זָאגְסְט מִיר אַז דוּ ווִילְסְט הֶעלְפְן, דוּ ווִילְסְט טוּן פַארְן רֶבִּי׳ן; בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט טוּן דִי דְרֵיי זַאכְן:

1) עֶרְשְׁטְנְס, גֶעב אַכְטוּנְג דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן סַכָּנָה, דֶער בִּנְיָן זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן סַכָּנָה.

2) צְוֵוייטְנְס, גֶעב אַכְטוּנְג אוֹיף רֵיינְקֵייט, דֶער בִּנְיָן זָאל זַיין רֵיין, אַזוֹי אוֹיךְ דִי בָּאסֶעס.

3) אוּן דִי דְרִיטֶע זַאךְ, גֶעב אַכְטוּנְג אוֹיפְן רֶבִּינְ׳ס גֶעלְט; עֶס זָאל דִיר אָנְגֵיין יֶעדֶע פְּרוּטָה פוּן רֶבִּי׳ן.

אַז דוּ וֶועסְט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן מִיר דִי דְרֵיי זַאכְן, דוּ וֶועסְט צוּשְׁטֶעלְן פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין זִיכֶער; סֵיי בַּיים קוּמֶען אוּן סֵיי בַּיים זַיין אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל אוּן סֵיי בַּיים אַהֵיימְגֵיין, אוּן עֶס וֶועט זַיין רֵיין אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל, אוּן דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְן רֶבִּינְ׳ס גֶעלְט - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פְּלַאץ.

[...]

## אַן אָפֶּענֶע קָנֶעפְּל בַּיים הַאלְז אִיז צְנִיעוּת׳דִיג?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרָשַׁת שְׁמוֹת, י״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז עֶס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער דִי זַאךְ פוּן זִיךְ בַּאשְׁטִימֶען אַ צַייט צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת - זָאלְט אִיר אוֹיף דֶעם אַלֵיין בֶּעטְן, בֶּעטְס אוֹיף דִי זַאךְ: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וָואס הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה) אַז מֶען זָאל זִיךְ בַּאשְׁטִימֶען יֶעדְן טָאג אַ צַייט אוּן אַ פְּלַאץ צוּ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט דִיר. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער יֶעדְן טָאג פַארְגֶעס אִיךְ, יֶעדְן טָאג אִיז דָא אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי טֶעג אוּן דִי יָארְן אוּן אִיךְ פַארְגֶעס צוּ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט דִיר, אִיךְ בֶּעט דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מַאכְן יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, וָואס דָאס וֶועט מִיךְ בְּרֶענְגֶען זֵייעֶר נָאנְט צוּ דִיר".

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ אִיר זָאלְט גֵיין מִיט אַן אָפֶענֶע קְנֶעפְּל בַּיים הַאלְז; אִיר זָאגְט אַז דִי מֵיידְלֶעךְ בַּיי עֶנְק אִין קְלַאס, וֶוען מֶען לֶערְנְט עֶנְגְלִישׁ - עֶפֶענֶען זִיךְ אַלֶע דִי קְנֶעפְּל; אִיר ווִילְט ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז צְנִיעוּת'דִיג?

אִיר וֵוייסְט אַוַודַאי אַז אִין בְּרֶסְלֶב עֶנְטְפֶערְט מֶען נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ ווִי אַזוֹי עֶר זָאל טוּן, מֶען זָאגְט אִים נָאר דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה; ווַייל אַז מֶען זָאגְט דֶעם מֶענְטְשׁ טוּ אַזוֹי אוּן אַזוֹי, קֶען אַמָאל זַיין אַז דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט נִישְׁט בַּיי דֶעם, אוּן דוּרְךְ דֶעם קֶען יֶענֶער אַוֶועק פַאלְן, עֶס קֶען וֶוערְן שְׁבִירַת הַכֵּלִים; נָאר דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, דָאס עֶנְטְפֶערְט מֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

דָאס זָאג אִיךְ אַייךְ אוֹיךְ, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ צְנִיעוּת, אִיר זָאלְט בְּלַייבְּן אֵיידְל. אִיר זֶענְט אַן אֵיידְל קִינְד, אִיר הָאט אֵיידֶעלֶע עֶלְטֶערְן; זָאלְט אִיר בְּלַייבְּן אֵיידְל, וֶועלְן אֵיידְלְקֵייט, לִיבּ הָאבְּן אֵיידְל, לִיבּ הָאבְּן דִי אִידִישֶׁע אֵיידֶעלֶע חֵן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# מהדורת טשינגל

הספר הקדוש הזה נתנדב על ידי

**דוד טשינגל**

נרו יאיר

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבו לטובה, ויתברך מפי עליון בבני, חיי ומזוני רוויחא.

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן וימליץ בעדו תמיד, אמן כן יהי רצון.